# בן תרח?

דעם ערש"ק ווען דער פארשוין נפתלי בן חנה שפיגל (ביק) האט דערזעהן די מודעות מיט זיין בעל גאווה'דיגען פרצוף האט ער זיך זעהר דערפרייט, ביז עמעצער האט אים פארגעליינט אז דארט שטייט אז מען האט איהם געכאפט ביי די מעשה ווי ער צו ברעכט דעם שטאטישן עירוב, גליך ווי די אנטיסעמיטן פון אלע הדורות. ער האט אנגעהויבען אזוי צושפרונגען, אז די שיפע טאשן זיינע זענען שיעור נישט גליך געווארן, און די גרויסע ריפסענע בעקיטשע מיט וואס ער פארשטעלט זיך איז שיעור נישט געווארן גלאנציג. וירא כי כלתה אליו הרעה, איז ער אראפ געקראכן אין קעלער מיט זיינע צוויי חרטומים (ש"ל אין צ"וו-ר) אין זיי האבן איהם ארויס געקלאפט א גאוניש ענטפער: ער איז גאר אברהם אבינו אין אור כשדים, די תושבי בארא פארק זענען תרח בן נחור, דער וועד העירוב איז נמרוד, זיין ארבעט איז מפי'ן צו זיין מלכותו יתברך, דער עירוב איז די געטשקעס און ער צוברעכט וכו' וכו'. פאיז איהם אזוי געפעלען אז ער האט זיך געשטעלט על פתח ביתו מבחוץ, און אליין גיפעדלט דעם דאזיקן חידוש.פאר אלע דורכגייערס, דער שוטה האט אפילו נישט פאר שטאנען צו לייקענען! ביז אפאהר שעה שפעטער האט אים איינער אריין געברומט א סוד אז ער גערענקט אז די נעקסטע סצענע אין די דאזיגע פארשטעלונג איז א ברענענדיגער קאלעך אויוון! . אזוי? איז ער שנעל צוריק אריינגעקראכן אין לאך אריין, ווי איין עכבר ביי וואתא שונרא, זיינע חרטומים האבן אים פריש אנגעקלאפט א ניי בלעטל "אשריך ר' נפתלי שהעלילו עליך... ס'איז אלעם פאלש, אויסגעטראכט, אומשולדיג וכו' וכו' (ראה מעבר לדף) ממש א בלוט בלבול, מיט אמאהל איז דער אברהם אבינו געווארן גאר דער גולם פון פראג וואס קעמפט קעגן עלילת דם, אזא ידידת הדורות.אבער ליינט נאר. מקצת שבחיו (חוץ פון צורייסן דעם עירוב) און זאגט אליין צו איז דאס דער גולם אדער צו איז דאס בלעם.

**דאס איז דער פרצוף פנים פון דעם נייעם אברהם אבינו/ גולם מפראג/ בלעם בן בעור/ מלפנים נפתלי שפיגל פארשטעלט ווי א חסידישער רב**

- דאס איז דער בעל תאווה וואס לויפט נאך יעדען שבת יידישע מאמעס מיט קינדער וועגעלעך, שרייט זיי נאך "שיקסע" "מחלליה מות יומת" טעראריזירט זיי אהן רחמנות אויף די גאסען פון בארא פארק (כדי צו פאר מיידען פריצות... )

- וואס מדי שבת בשבתו ווען ער כאפט א יידישע מאמע מיט א וועגעלע, פארשטעלט ער איהר דעם וועג, קוקט אריין אויפן קינד אין שעלט " זאלסט נישט דערלעבען איהם אויף צוציהען"!!!! ( עפ"ל)



- וואס פאר ארבעט אגאנץ יאהר מעשים מען זאל מזלזל זיין אין כבוד פון זיין חשוב'ן ויידן, כדי ער זאל קענען ארום לויפן שפעטער מען זאל זיך אהן נעמען פאר "כבוד התורה"

- וואס שרייט נאך און שעלט אויף די גאסען כסדר "שיגעץ מחלל שבת" אויף די גדולי וזקני בעלי הוראה שלא הניחו כמותם בכל הגולה, חברי בי"ד המיוחד לענייני עירובין, אויף זיי און זייערע משפחות

- וואס לייגט אריין די מודעות אין די צייטונגען מיט זיופים פון חתימות און האלבע פארדרייטע ציטאטן פון ספרים און פון גדולי תורה אהן קיין שום בושה, כדי אוים צו נארן דעם צבור, און ווען מ'ווייזט אים די אפענע ליגנס לאכט ער זיך אוים אין דיין פנים " די צייטונגען וועלען סיי ווי נעמען מיין געלט, איך צאהל קעש" זאגט ער מיט גאווה.

- וואס ארבעט שוין אגאנץ יאהר פאר איין תכלית. מרבה צו זיין מחלוקת ביי יידן. אזוי ארום וועט ער קענען זאגן אז דער עירוב איז גורם מחלוקת.

דאס איז דער בעל גאווה וואס טעראריזירט די שטאט! האט אויף איהם נישט קיין ההמנות! האט בעסער רחמנות אויף די זקנים, חסידים ואנשי מעשה וואס דער גראבער יונג איז זיי שופך דם אגאנץ יאהר!

כל שהוא רחמן על אכזרים בסוף נעשה אכזר על הרחמנים ( קה"ר ז. לג)

**ווער שיקט אים? ווער פינאנצירט אים? ווער קען אים אפשטעלען? פרטים יבואו אי"ה!**